# פרשת בהעלותך י"ב – י"ח סיון תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהעלותך***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה במאנסי, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו תפארת יהושע. המנהל הרה"ג רבי **יעקב יחזקי' אבערלענדער** שליט"א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג דומ"ץ דקהלתנו במאנסי שליט"א**, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל תהלים מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** וויל באגריסען די טייערע חשוב'ע עלטערן און זיידעס וואס זענען געקומען אטייל נעמען ביי די חומש סעודה פון די קינדער און די אייניקלעך. זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, עס איז א געוואלדיגע שמחה ביי עלטערן, אז דער אייבערשטער גיט די זכיה אז זיי זעהן ווי אזוי די פלאג, ואת עמלינו אלו הבנים, הייבן אן נתחנך צו ווערן צו תורה. דער אייבערשטער זאל געבן אז זיי זאלן קענען אויסוואקסען אזוי ווי די שאיפה פון אלע עלטערן זענען, תלמידי חכמים און יראי ה', און זעהן ביי זיי אסאך נחת.

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב), און רש"י זאגט, אז די מנורה, דאס איז די מיטלסדיגער חלק פון די מנורה, וואס פון דעם קומען ארויס די קני המנורה. עס זענען ארויסגעקומען דריי קנים פון איין זייט, און דריי קנים פון די אנדערע זייט, און די אלע קני המנורה האבן זיך געדארפט בייגען אל מול פני המנורה, צו דער מיטלסדיגער חלק. אין די ספרים שטייט שוין זייער אסאך רמזים אויף דעם ענין וואס דאס האט געוויזען.

**לענינינו**, מען איז דאך מחנך קינדער, עס איז דא ב"ה תלמוד תורה'ס וואו מען שיקט די קינדער לערנען. עס איז כמעט געווארן, אז עלטערן האבן אראפגעווארפן פון זיך די חיוב פון חינוך און לימוד התורה מיט די קינדער, און מען האט עס איבערגעגעבן פאר די מוסדות. מען צאלט דערפאר, ער האט געשטעלט א שליח וואס זאל טון זיין ארבעט, און זייער ווייניג צייט נעמט ער אראפ, אליין מקיים צו זיין, זיין מצוה פון ולמדתם אותם את בניכם (דברים יא-יט), אז א טאטע דארף לערנען מיט די קינדער. און עס איז דא א חיוב אויף א זיידע צו לערנען מיט א אייניקל. ער לאזט איבער דעם חינוך, אז די מוסדות וועלן שוין טון וואס מען דארף צו טון. עס איז אמת, די טירדות הזמן האבן אזוי צוגעברענגט אז מען קען נישט אליין טון, אבער עס נעמט נישט אראפ די פליכט פון עלטערן פון זייער חינוך. עס איז דא חלקים פון חינוך וואס עס איז נישט שייך אז דער תלמוד תורה זאל עס קענען איבערגעבן, עס איז שייך נאר אינדערהיים. די תלמוד תורה טוט וואס מען קען אויפן לערנען, אבער אויפן חלק פון יראת שמים, ערליכקייט, מדות טובות, די אלע זאכען לערנט מען זיך אראפ פון די הנהגה וואס מען זעהט ביי די עלטערן. קינדער זענען קליין, זייער וועגווייזער איז טאטע און מאמע, וואס ער זעהט ביי זיין טאטע אז ער טוט, איז דאס די ריכטיגע וועג ווי אזוי מען דארף צו טון. אזוי האט ער אפגעשאצט אין זיינע אויגן, אז מען דארף זיך פירן אזוי ווי דער טאטע און די מאמע פירן זיך. און אויב דער טאטע טוט עס נישט, איז א סימן אז מען דארף עס נישט טון, דאס איז נאר א פרומקייט וואס דער רבי אין תלמוד תורה וכדומה לייגט צו. א מענטש דארף זיין א מוסטער אין שטוב אויף ערליכקייט, ווייל קינדער לערנען זיך אראפ פון די עלטערן, ווי אזוי זיי פירן זיך אליין. א זאך וואס מען וויל נישט אז די קינדער זאלן אזוי אויפוואקסן, דארפן זיך די עלטערן מונע זיין, און וויסן, אז ווילאנג די קינדער זענען נאך אין שטוב, גייט די השפעה פון די עלטערן אריבער אויף די קינדער.

**מען** לערנט יעצט פרקי אבות, אלץ שטייט אין די משנה, הוא היה אומר (אבות א-ב). די הייליגע ספרים טייטשען, אז דער מענטש אליין האט געזאגט. דער תנא האט נישט געדארפט רעדן, ווען מען האט אנגעקוקט דעם תנא, האט מען געזעהן זיין הנהגה. זיי האבן נישט געזאגט זאכען נאר וואס זיי זענען געווען דערביי, און דער מענטש אליין האט געזאגט דאס וואס ער האט געדארפט צו זאגען. זיין הנהגה האט עס צוגעברענגט. 'הוא' היה אומר, ער, דער פערזאן אליין האט עס געזאגט. יעדע טאטע רעדט אין שטוב די גאנצע צייט וואס ער איז אינדערהיים, אפילו ווען ער עפענט נישט קיין מויל, אבער עס איז

כאילו ער זאגט פארן קינד, וואס דו זעהסט ביי מיר, דאס איז דער וועג ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. ווייל אזוי איז עס, קינדער טוען דאס וואס זיי זעהן ביי די עלטערן.

**ווען** א מענטש וואלט שטענדיג געטראכט, אז מיין ציל אין לעבן איז נאר די קינדער, אז זיי זאלן אויסוואקסען ערליך. און עס זענען דא זאכען וואס מען קען נישט טון אין שטוב אפילו ער וואלט עס געמעגט טון, און ער פילט אז עס איז וויכטיג, אבער דאס וועט אוועקנעמען שפעטער דאס ערליכקייט פון מיין קינד. מיין קינד וועט מיר נאכטון. אפילו איך זאג אים היינט, 'איך מעג און דו טארסט נישט', דאס איז גוט צו זאגען ווילאנג מען איז אין שטוב, אבער נאכדעם גייען די קינדער נאך וואס זיי זעהן ביי די עלטערן.

**די** מנורה דאס איז דער מיטלסדיגער חלק פון די מנורה, דאס איז א רמז אויף די עלטערן. פון זיי קומען ארויס די קינדער, די קני המנורה. די קני המנורה זענען געבויגען, אל מול פני המנורה. די מנורה האט דאך געוויזען אויף חכמת התורה, נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). די תורה האט אונז מיט דעם געוויזען און געלערנט, דו זאלסט וויסן אז די קינדער וואס דו האסט, זיי זענען געבויגען אייביג צו די פני המנורה. און וואס דו ווילסט עס זאל זיין אזוי ביי דיינע קינדער, דארפסטו זיך אזוי צו פירן. און טאמער דו ווילסט נישט אז דיינע קינדער זאלן זיך אזוי אויפפירן, דארפסטו זיך אליין מונע זיין דאס נישט צו טון. ווייל די קינדער זענען געבויגען צו די פני המנורה, צו טון וואס זיי זעהן ביי די מנורה.

**להגיד** שבחו של אהרן שלא שינה, אהרן האט אזוי מגדל געווען זיינע קינדער, שלא שינה, עס איז נישט געווען קיין חילוק צווישן אים און די קינדער. וואס דאס קינד האט געמעגט טון, האט ער געטון, און וואס ער האט געהאלטן אז עס איז נישט גוט פארן קינד, האט ער אליין אויך נישט געטון. א מענטש דארף שטענדיג געדענקען, עס איז געווארן א וועלט וואס איז היינט אפען צו אלעם וואס איז דא אין גאנץ כדור העולם, און אסאך מאל לאזט עס איבער א השפעה אויף די קינדער. מען זעהט עס נישט תיכף אין אנהייב, אבער שפעטער ווען דאס קינד וואקסט אויס, און ער זעהט ווי אזוי דער טאטע האט זיך געפירט וכדומה, גייט ער אסאך און אסאך ווייטער פון וואס ער האט געזעהן ביי די עלטערן. דאס איז געווארן ביי אים א דבר היתר, ווייל דער טאטע האט אזוי געטון. א יוד דארף שטענדיג געדענקען אז די קינדער זענען די קני המנורה וואס קוקען ארויף אויף די מנורה. און אז די מנורה איז ריין, זענען די קני המנורה אויך ריין.

*

**און** עס ליגט דערין נאך א רמז. א גאנצע וואך זענען קינדער אין חדר, איין טאג אין דער וואך זענען די קינדער אינדערהיים, שבת. און עס ליגט דער פליכט אויף עלטערן צו געבן די טאן אין שטוב פאר די קינדער, ביי די סעודה, און גאנץ שבת, אריינצובערענגען אין זיי דעם נר מצוה ותורה אור. א סעודה פון שבת איז נישט קיין וועטשערע, א סעודה פון שבת איז א שבת'דיגע סעודה, וואס שבת איז אמונה, אריינצולייגען אין די קינדער ערליכקייט, און פאר די גרעסערע קינדער נאך מער, און פאר נאך גרעסערע קינדער, נאך מער. **ווען מען זעצט זיך אראפ שבת צו די סעודה, דארף מען זיין צוגעגרייט פון אינמיטן די וואך, וואס גיי איך רעדן שבת ביים טיש, וואס פארא דברי תורה קען איך נאכזאגען ביים טיש וואס וועט האבן א השפעה אויף מיין קינד. וואס פאר א מעשה פון א צדיק קען איך פארציילען וואס דאס קינד וועט זיך קענען עפעס ארופלערנען דערפון. און ווען דאס גייט שבת נאך שבת, לאזט עס איבער א געוואלדיגע השפעה. פופציג שבתים איז דא אין א יאר, און ימים טובים וואס איז דא, און דאס קינד הערט פון די עלטערן, מאכט עס א געוואלדיגען רושם אויף די קינדער. עס איז היינט דא ספרים אויף יודיש, און אפילו אין די צייטונגען קען מען טרעפן היינט א מדור פאר דברי תורה. מען דארף נעמען צייט אינמיטן די וואך, עס איז דא זעקס טאג אין די וואך וואס מען קען זיך צוגרייטן וואס גיי איך רעדן שבת אין שטוב. דער שבת וועט האבן א אנדערע צורה אין די שטוב, די קינדער וועלן אנדערש נתחנך ווערן.**

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז די זיבן קני המנורה זענען אקעגן די זיבן טעג פון די וואך. דער מיטלסדיגער חלק איז דער שבת, און עס איז דא דריי טעג פאר שבת, און עס איז דא דריי טעג נאך שבת (גיטין עז.). זונטאג מאנטאג דינסטאג זענען דריי

קני המנורה, און מיטוואך דאנערשטאג פרייטאג זענען די אנדערע דריי קני המנורה. און אלע בייגען זיך צו דער מיטלסדיגער חלק, צו דעם שבת וואס איז דער מיטלסדיגער חלק פון די מנורה, ווייל כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין (זוה"ק ח"ב פח.). די קינדער זענען די נרות, נר ה' נשמת אדם (משלי כ-כז). 'בהעלותך את הנרות,' אז דו ווילסט ארויפברענגען דיינע נרות, אויב דו ווילסט אז זיי זאלן האבן א עליה, דיינע קינדער זאלן שטייגען, זאלסטו זעהן 'אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות.' דער מיטלסדיגער חלק פון די מנורה דאס איז דער שבת. ווען דיינע קינדער וועלן זיין געבויגען צום שבת, אז מען וועט הערן שבת דברי תורה, מוסר, ערליכקייט, דעמאלטס וועט זיין יאירו שבעת הנרות, וועלן לייכטען די נרות.

**אונז** וויל מיר דאך אלע מגדל זיין ערליכע יודישע דורות, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, מען נעמט זיך גארנישט מיט פון די וועלט, נאר די קינדער. דאס איז די איינציגסטע זאך וואס א מענטש לאזט איבער וואס ער איז נהנה דערפון לעולמי עד. און עס לוינט זיך אריינצולייגען אינעם געשעפט אסאך געלט און אסאך כח און מיה, ווייל דאס איז די איינציגסטע זאך וואס וועט בלייבן פאר א מענטש אויף שטענדיג. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען מגדל זיין אונזערע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מתוך נחת והרחבה. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר החומש סעודה נכנס **הרה"ג רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א** אב"ד תולדות אהרן ק"י (בן כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א), להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בנו בשעטומ"צ.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לטובת הישיבה קטנה החדש 'אוצר התורה' דקהלתנו הק' במאנסי, שהתקיים בבית הר"ר **משה פריימאן** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ח סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון די נשיאים, אז זיי האבן געברענגט זייער קרבן צום חנוכת המזבח. רש"י (במדבר ז-ג) ברענגט צו, אז די נשיאים האבן נישט געברענגט קיין נדבה אין אנהייב, זיי האבן געזאגט, זאל ציבור ברענגען וואס מען דארף, און וואס עס וועט אויספעלן וועלן זיי משלים זיין. און די ציבור האט געברענגט אלעס וואס מען האט געדארפט, און עס איז נישט געבליבן וואס זיי זאלן ברענגען, האבן זיי געברענגט די אבני שוהם און די אבני מילואים. אבער יעצט האבן זיי זיך מזרז געווען, און זיי האבן געברענגט די ערשטע זייער קרבן צו די חנוכת המזבח. אין פרשת ויקהל (שמות לה-כז), גיט רש"י צו, אז דארט שטייט והנשיאים הביאו, חסר יו"ד, עס פעלט דער אות יו"ד, און רש"י איז מסביר אז עס פעלט דער יו"ד, ווייל עפעס איז געווען ביי זיי חסר, זיי האבן נישט געברענגט תיכף.

**די** וועלט זאגט, אז וועגן דעם איז חסר יו"ד, ווייל א יוד איז דער וואס איז זיך מזרז צו טון א מצוה. טאמער מען איז זיך נישט מזרז צו טון א מצוה, איז חסר יו"ד, פעלט אין די יודישקייט, עס האט זיי נישט געברענט צו טון די מצוה תיכף. - מען קען צוגעבן דערויף, זיי האבן געזאגט אז ציבור זאל ברענגען אלעס וואס מען דארף, און וואס זיי וועלן נישט ברענגען וועלן די נשיאים ברענגען. זיי האבן אונטערגעשאצט וואס א יוד איז. זיי האבן געהאלטן אז יודען וועלן נישט ברענגען אלעס וואס מען דארף, און זיי וועלן משלים זיין וואס מען דארף. זיי וואלטן געדארפט האבן שכל און פארשטיין, אז ווען דער אייבערשטער בעהט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, וועט זיין אלעס וואס מען דארף האבן, און עס וועט נישט איבערבלייבען וואס מען וועט דארפן משלים זיין. עס איז חסר יו"ד, עס פעלט דער יוד, ווייל עס פעלט אז זיי זאלן שעצן וואס א יוד איז. ווען זיי וואלטן געשעצט כלל ישראל, וואלטן זיי געוואוסט אז מען וועט אלעס ברענגען פון זיך אליין, און עס וועט נישט זיין וואס מען זאל משלים זיין שפעטער.

**נאכדעם** זעהט מען, כאטש זיי האבן אויך געהאט א חלק אינעם נדבת המשכן, זיי האבן דאך געברענגט די

אבני שוהם מיט די אבני מילואים, און זיי האבן געברענגט די שמן. וואס האבן זיי זיך אפגערעדט און זיי זענען נישט געווען צופרידן, און זיי האבן זיך יעצט מזרז געווען. זיי האבן אבער פארלוירן צו האבן א חלק אינעם בנין פונעם משכן. מען דארף האבן א בילדונ"ג, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, מען דארף האבן קרשים, מען דארף האבן בריחים, מען דארף האבן עמודים, מען דארף האבן א מכסה, און אלעס דערצו. און אין דעם האבן זיי נישט געהאט א חלק, זיי האבן גארנישט צוגעגעבן. נאכדעם וואס אלעס איז שוין פארטיג געווארן, דארף מען דאך האבן א כהן וואס זאל קענען טון די עבודה, דארף מען האבן שמן, דאס איז זיי געבליבן אז זיי זאלן קענען ברענגען. אבער זיי האבן פארלוירען דאס אז זיי זאלן קענען האבן א חלק אין אויפשטעלן דעם משכן. און דאס האט זיי ווי' געטון, אז זיי האבן נישט געהאט א חלק אינעם הקמת המשכן.

**זיי** ווילן דאך אבער מתקן זיין, וואס האבן זיי געטון, האבן זיי געברענגט שש עגלות צב, זעקס וואגאנען, און שנים עשר בקר, כדי אז ווען מען וועט טראגען די משכן פון איין פלאץ אויפן צווייטען פלאץ, זאלן זיי האבן א חלק אין די עגלות וואס מען דארף דערצו. ווען מען איז געגאנגען פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, האט מען צונומען דעם משכן. מען איז געגאנגען מ"ב מסעות, דאס איז טייטש, אז אין משך פון די יארן האט מען אויף צוויי און פערציג פלעצער צונומען די משכן און מען האט עס אויפגעבויט. אז מען האט צונומען די משכן, איז דאך אויס משכן, און אז מען האט עס אויפגעשטעלט, האט מען כאילו אויפגעשטעלט א נייע משכן. מען האט עס געטראגען פון דא, און אויפגעשטעלט אהין. זיי האבן טאקע פארלוירען אז זיי זאלן האבן א חלק אינעם צושטעלן די ערשטע משכן, אבער זיי האבן געוואלט האבן א חלק אז זיי זענען די וואס האבן געפירט די אלע קרשים פון די משכן אויפצושטעלן א צווייטע משכן. זיי האבן טאקע פארלוירן דעם חלק צו האבן א חלק אין די עצם קרשים, אבער דאס האט מען דאך צונומען שפעטער, און מען האט אויפגעשטעלט א צווייטע משכן. ווער האט געהאלפן אז מען זאל קענען אויפשטעלן דעם צווייטען משכן? די נשיאים. זיי האבן געברענגט די עגלות, און די עגלות האבן צוגעברענגט דערצו.

**פון** די אנדערע זייט, האבן זיי דאך געהאט א גוטע כוונה. פארוואס דארף מען ברענגען דאפעלט פון איין זאך, זאל יעדער ברענגען וואס מען דארף, און זיי וועלן משלים זיין וואס עס פעלט. און מען געפונט אין די גמרא אז עס איז א גרויסער ענין משלים צו זיין א זאך. ווען איינער טוט א מצוה, זאגט די גמרא (סוטה יג:) אין המצוה נקראת אלא על מי שגמרה. עס שטייט דא א משכן, און זיי קענען אויפשטעלן די משכן, זיי וועלן זיין די מי שגמרה, זיי וועלן צוגעבן די לעצטע זאכען וואס עס פעלט אויס, וועלן זיי דאך האבן א געוואלדיגען זכות. עס איז נישט אזוי שלעכט געווען זייער כוונה, עס איז נישט געווען אזא עצלות, שנתעצלו הנשיאים, זיי האבן געוואלט האבן א חלק אינעם גמר פונעם משכן. עס איז טאקע נתעצלו ווייל זיי וואלטן געדארפט קודם ברענגען כאטש עפעס אין אנהייב, עס האט זיי קיינער נישט געשטערט צו ברענגען אין אנהייב, און לאז נאכדעם עפעס איבער פאר דעם גמר. זיי האבן גארנישט געברענגט אין אנהייב, זיי האבן זיך נאר פארלאזט אויפן גמר. אבער בעצם האבן זיי געוואלט האבן א חלק אינעם גמר פונעם משכן.

**רצון** יראיו יעשה, דער אייבערשטער טוט דאך רצון יראיו, האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט אז עס איז נישט געווען שמן המשחה אז מען זאל קענען זאלבען דעם משכן, און די נשיאים האבן געברענגט די שמן המשחה. קומט אויס, אפילו מען האט שוין א גאנצען משכן, אלעס איז שוין פערטיג, אבער מען קען עס נישט נוצען ביז מען גייט האבן שמן. קומט אויס, ווער איז יעצט געווען דער גומר פונעם משכן? די נשיאים. זייער שמן המשחה וואס זיי האבן געברענגט, דאס האט געמאכט דעם גמר, אז מען זאל קענען נוצן דעם משכן. איז אומדירעקט אויסגעפירט געווארן זייער רצון וואס זיי האבן געוואלט זיין די וואס אין המצוה נקראת אלא על מי שגמרה.

**מען** קען עס פארשטיין מיט א מעשה. עס איז דא א ספר **דברי דוד**, פון **רבי דוד משה טשארטקוב'ער זי"ע**, וואס א שטוב מענטש, אדער א גבאי, האט געשריבן וואס ער האט געהערט פון רבי דוד משה. ברענגט ער דארט א מעשה וואס רבי דוד משה האט פארציילט, אז דער **נודע ביהודא** איז געווען א איידעם ביי אן עושר. און דער עושר האט אים געגעבן נדן דריי הונדערט רובל, כדי ער זאל קענען

זיצן און לערנען. אמאל פלעגט מען צו נעמען דאס געלט, און מען פלעגט עס ארויסגעבן פאר אנדערע יודען אויף היתר עיסקא וכדומה, און יענע האבן געמאכט געשעפטן, און יענע האבן פארדינט, און ער האט פארדינט. און דער נודע ביהודא האט נישט געוואלט מאכען א היתר עיסקא, האט ער גענומען דאס געלט, און ער האט עס אוועקגעלייגט ביי זיך, ער זאל עס האלטן. לימים איז אריינגעקומען א צובראכענער יוד וואס האט געהאלטן פאר א חתונה, און ער האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ אז ער דארף האבן דריי הונדערט רובל ער זאל קענען ענדיגען די חתונה, און דער שידוך גייט צופאלען. ער איז געווען אין א קלעם, און דער נודע ביהודא האט זיך דערמאנט אז ער האט ליגען ביי זיך געלט, איז ער צוגעגאנגען צו דעם לעדל און ער האט ארויסגענומען צוויי הונדערט און ניינציג רובל, און ער האט אים געזאגט, דו דארפסט דאך דריי הונדערט רובל, איך געב דיר צוויי הונדערט און ניינציג, און צען וועסטו דאך קענען צוזאמשטעלן, דא האסטו די געלט פאר די חתונה, און מאך חתונה.

**האט** דער נודע ביהודא אים געזאגט, איך וואלט דיר געקענט געבן די גאנצע דריי הונדערט, איך האב דאך נאך צען רובל וואס איך האב איבערגעלאזט פאר מיר. נאר עס איז דאך אין המצוה נקראת אלא על מי שגמרה, אז איך וועל דיר געבן די גאנצע דריי הונדערט וועט עס דאך זיין מיין מצוה, איך וויל די הנאה אויך נישט האבן. איך וויל אז ווען דו גייסט ארויס און דו פארשאפסט נאך צען רובל, זאל די מצוה זיין נקרא אויף דעם וואס האט דיר געגעבן די צען רובל. אזוי האט דער נודע ביהודא געזאגט. ווען רבי דוד משה האט פארציילט די מעשה האט ער געזאגט, אולי וועגן דעם איז ער אויסגעוואקסען אזא נודע ביהודא. - דאס איז טייטש, אז ווען א יוד גיט צו בויען דעם משכן, דארף ער עס געבן מיטן גאנצן הארץ בלתי לה' לבדו, אז אפילו אזא הנאה אז עס איז נקראת על שמו, האט ער אויך נישט. אז די נשיאים האבן אלעס געוואלט איבערלאזן צום סוף, אז פאר זיי זאל בלייבען דעם נאמען אז זיי האבען אויפגעשטעלט די משכן, איז נשיאים חסר, עפעס פעלט דארט, דאס פאסט נישט פאר א נשיא, דאס פאסט פאר א פשוטען יוד. די נשיאים וואלטן געדארפט זיין אין א העכערע מדריגה, אז זיי זאלן נישט דארפן האבן אפילו דעם תענוג אז זיי זענען די וואס האבן גומר געווען די משכן.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הוואכנאכט של בן ש"ב הרב **הערשל פאללאק** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א).

*

***יום שני פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת קרויס שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **יוסף חיים קרויס** הי"ו).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **אברהם שיפף** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהודא כ"ץ** הי"ו, שהתקיים באולם לעגאסי.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שלמה ברוך עלנער** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

*

***יום שלישי פרשת בהעלותך***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הרב **יעקב יוסף ווייגארטען** שליט"א.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, והשתתף אצל סעודת סיום מסכת מועד קטן שנלמד בישיבתנו הק' במסגרת חבורת 'ובהם נהגה'. הרב **אלימלך שפיטצער** שליט"א (מנהל הישיבה) פתח את המעמד, ודיבר במעלת תלמידי ישיבתנו הק', ובגודל התמדתם בתורה וביראת שמים. אחר כך נתכבד הבחור **ישראל מרדכי** (ב"ר יעקב) **רובין** נ"י לסיים מסכת מועד קטן. אחר הסיום יצאו בריקוד לכבוד השמחה. אחר שנשמעו דברי תורה מאת הרב **בנימין פאפלאנאש** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה) השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת יום טוב, עבידנא יומא טבא לרבנן, מען האט מסיים געווען א מסכתא, איך האף אי"ה אז אזוי ווי מען האט מסיים געווען די מסכתא, וועט מען מסיים זיין אסאך מסכתות. מען האט

פריער געהערט פונעם חשובן מנהל, און פון רבי בנימין, די חשיבות פון תורה, געוואלדיגע דברי חיזוק און עידוד וואס בחורים דארפן צו הערן, איך אליין האב געהאט התעוררות פון די ווערטער וואס מען האט גערעדט. איך וועל נישט רעדן יעצט פון לימוד התורה, מען האט שוין געהערט פריער, איך וויל רעדן פון א נושא וואס איז נוגע פאר יעדן איינעם, און עס קומט אויס וויניג צו רעדן דערפון, דאס איז די מצוה פון כיבוד אב ואם. עס האט א שייכות צו די מסכתא וואס מען האט געלערנט, מסכת מועד קטן, די לעצטע בלעטער פון די גמרא, איז ל"ע פון עניני אבלות. ב"ה אונז גיי מיר ארויס יעצט מיגון לשמחה, ומאבל ליום טוב, מען גייט אוועק פון אבל און מען גייט אריין אין חגיגה, דאס איז מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב.

**מען** זעהט אין די גמרא (קידושין לא:) די געוואלדיגע חשיבות פון מכבדו במותו. די חכמים האבן אראפגעלייגט אזויפיל הלכות וואס איז אנדערש ווען עס גייט אוועק איינע פון די קרובים, ווי ווען מען פארלירט איינע פון די עלטערן. די חיוב פון אבלות ביי עלטערן איז אסאך אנדערש ווי די הלכות אויף אנדערע קרובים. סיי אקעגן קריעה, ווי אזוי מען דארף קורע זיין, תוספות קריעה. צו מען מעג מאחה זיין די קריעה, און אויף וואס פאר א אופן. ווען מען מעג, צו נאך די שבעה אדער נאר נאך די שלשים. אבלות איז נאר שבעה און שלשים, און ביי עלטערן גייט עס אן א גאנץ יאר, און אזוי ווייטער. אפילו אין די מהות פון די אבלות, איז דא חילוקים אין די הלכה צווישן שאר קרובים און עלטערן. געוועגליך וואלט מען געקענט מיינען, פארוואס איז פאר עלטערן דא מער חיוב אבלות ווי פאר א צווייטען, ווייל א קינד איז די נאנטסטע צו די עלטערן, און די ווייטאג פון עלטערן איז א שטערקערע ווייטאג, א שטערקערע אבלות, ווי די אבלות אויף אנדערע קרובים. אבער נישט דאס איז דער טעם. די טעם פארוואס אבלות אויף עלטערן איז הארבער, איז, ווייל עס איז דא א מצוה פון כיבוד אב. עס איז נישט קיין מצוה פון אבלות, עס איז א מצוה פון כיבוד אב. די תורה הייסט מכבד זיין עלטערן בחייו ובמותו, און עס איז דא א חיוב עס ארויסצווייזען. ווי מער א מענטש ווייזט ארויס די אבלות, ווייזט ער דעם כבוד פאר זיינע עלטערן. דאס וואס א גאנץ יאר גייט מען נישט אויף א שמחה, איז נישט ווייל די אבלות דארף זיין א הארבערע אבלות, נאר אזוי ווי ער דארף מכבד זיין זיינע עלטערן, איז דא א חיוב אז די אבלות זאל זיין אנדערש ביי עלטערן ווי ביי אנדערע קרובים.

**און** אז דאס איז מכבדו במותו, וואס איז מיט מכבדו בחייו. אז דער אייבערשטער גיט אז די עלטערן לעבן, וויפיל חיוב ליגט אויף קינדער און בחורים און ערוואקסענע יונגעלייט מכבד צו זיין טאטע און מאמע. מען האט געליינט שבועות די עשרת הדברות, אין די ערשטע דברות רעדט דער אייבערשטער כביכול פון זיך, אנכי ה' אלקיך, לא יהיה לך אלהים אחרים, לא תעשה לך פסל וכל תמונה, אחדות הבורא, גלייבען אינעם אייבערשטען, און אזוי ווייטער. די ערשטע מצוה וואס קומט נאכדעם, וואס איז שוין שייך פאר אונז, איז כבד את אביך ואת אמך, מכבד זיין טאטע און מאמע. דער **רמב"ן** (שם) זאגט, די ערשטע מצוה איז דאך אינעם בורא, דער אייבערשטער וואס האט באשאפן די וועלט. א קינד האט נאך א בורא, טאטע און מאמע. שלשה שותפים באדם (קידושין ל:). נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט געענדיגט די מצות פונעם בורא עולם, קומט נאכדעם די מצות וואס איז נוגע דאס קינד וואס ער איז מחויב מכבד צו זיין, זיין טאטע און מאמע.

**זאגט** דער הייליגער רמב"ן, אז דאס וואס איז הוקש כבודם לכבוד המקום, דער אייבערשטער האט מקיש געווען די כבוד פון עלטערן צו זיין כבוד, אלע פרטים וואס איז דא ביי כבוד פארן אייבערשטען, דארף זיין ביי כבוד פון עלטערן אויך. אזוי ווי מען דארף מכבד זיין דעם אייבערשטען דארף מען עס טון אן קיין שום פניה, ווייל ער האט מיך געטון, וועגן דעם צאל איך אים צוריק. איך וועל עס טון פארן אייבערשטען, ווייל ער האט מיך געגעבן כך וכך. די זעלבע איז ביי כיבוד אב, מען איז מחוייב מכבד צו זיין טאטע און מאמע, נישט ווייל אז איך וועל מכבד זיין מיין טאטע וועט ער מיר קויפן וואס איך דארף האבן, און ער וועט מיך חתונה מאכען, און ער וועט מיר ארויסהעלפן שפעטער. אמאל איז מען מכבד עלטערן ווייל די עלטערן זענען עשירים, און ער וועט באקומען א גרויסע ירושה וכדומה, און מען זאל עס נישט אוועקנעמען פון אים. פונקט ווי מען דארף מכבד זיין דעם אייבערשטען אן קיין שום

זייטיגע סיבות, אן קיין כוונות ווייל איך גיי עפעס באקומען דערפאר, אזוי דארף מען מכבד זיין טאטע און מאמע. כבד את אביך ואת אמך אלץ די מצוה פון די תורה, דאס איז דיינע עלטערן, און דו ביסט מחוייב זיי מכבד צו זיין.

*

**ביי** כיבוד איז דא צוויי מצות, כיבוד און מורא. מורא איז דער טייטש, לא יסתור את דבריו, **מען טאר קיינמאל נישט זאגען פאר א טאטע ניין, מען טאר נישט סותר זיין דבריו. ווען א טאטע בעהט עפעס, דארף מען ענטפערן ווי אזוי מען קען עס טון, אבער עס איז נישט דא קיין ניין. ווען א טאטע אדער א מאמע קומט אריין אין שטוב, דארף מען זיך אויפשטעלן מלא קומתו, נישט זיך אונטערהייבן, נאר שטיין אויף די פוס גראד.** אזוי איז די הלכה, עס איז נישט דא קיין חולקים דערויף (עיין **שו"ע** יו"ד רמ-ז, רמד-ט). ממילא ביי א טאטע איז דא אמאל מורא אב, הייבט ער זיך אונטער, אבער אסאך מאל ווען די מאמע קומט אריין איז גארנישט. עס איז דא די זעלבע חיוב אויף טאטע און אויף די מאמע.

**א** מענטש איז מחוייב מכבד צו זיין זיינע עלטערן אן קיין שום זייטיגע סיבות דערצו. **עס איז היינט געווארן זייער אין סטיי"ל צו זאגען מען איז אביוז'ט, טאמער דער טאטע האט אים געזאגט א זאך וואס עס איז אים נישט געפעלן, דער טאטע טוט מיך אביוזע"ן, דער מאמע זאגט מיך וואס צו טון. ער גייט אויף טעראפי"י, און ער באשולדיגט דארטן די טאטע און די מאמע וואס זיי האבן אים געטון. עס איז א נייע וועלט געווארן. עס איז נישט אמת אז ער אביוז"ט דיך, ער מעג דיך מחנך זיין און אביוזע"ן. און אפילו אויב ער טאר נישט, טוישט עס נישט דיין כיבוד אב. ווען דער אייבערשטער כביכול אביוז"ט דיך, ווערסטו נישט אויס יוד. דו ביסט מחוייב די זעלבע זאך. דו פארשטייסט נישט אלעס וואס דער אייבערשטער טוט, דו פארשטייסט נישט אלעס וואס טאטע און מאמע טוען. און אפילו דו מיינסט אז דו פארשטייסט יא, טוישט עס גארנישט, דו ביסט מחוייב זיי מכבד צו זיין אן קיין שום זייטיגע סיבות.**

*

**עס** שטייט אין **רבינו בחיי** (פ' יתרו), אויפן פסוק (שמות כ-יב) כבד את אביך ואת אמך, ברענגט ער צו פון **רבי סעדיה גאון**, אז אין גאנץ עשרת הדברות איז נישט דא קיין שכר אויף מצות, אויסער ביי כיבוד אב. כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך, עס איז דא אריכת ימים. טאמער דו וועסט מכבד זיין טאטע און מאמע, וועט דיר דער אייבערשטער געבן אריכת ימים. זאגט רבי סעדיה גאון, פארוואס פונקט ביי די מצוה זאגט מען א שכר, וואס איז מיט די איבריגע מצות. און אזא שכר למען יאריכון ימיך אזוי ווי ביי שילוח הקן. זאגט ער, ווייל כיבוד אב איז זייער א שווערע מצוה, שטענדיג מכבד צו זיין עלטערן. עס איז א גרינגערע מצוה ווילאנג מען איז נאך א בחור אינדערהיים, און עס איז א שווערערע מצוה ווען עלטערן ווערן עלטער, און מען דארף זיך אפגעבן מיט זיי, מאכילו ומשקהו. זיי האבן שוין נישט קיין כח און מען דארף זיי פיטערן, און געבן צו עסן. די מאמע האט נישט קיין כח, און מען דארף ארויסהעלפן אין שטוב. עס איז גאר א שווערע מצוה. און דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה אז מען דארף מכבד זיין.

**זאגט** רבי סעדיה גאון, כדי גרינגער צו מאכען די מצוה פאר א מענטש, ווען ער ווייסט אז ער באקומט דערפאר אריכת ימים, איז דאך דער טייטש, אז אויב ער איז מזלזל אין זיין טאטע, איז דאך דאס פארקערטע. קומט אויס, אז דו טוסט נישט פאר דיין טאטע, דו טוסט פאר דיר. אז דו טוסט עס פארן טאטען וועסטו האבען אריכת ימים, אז דו וועסט נישט טון, שניידסטו אראפ פון דיין לעבן. וועט עס גרינגער מאכען פאר א מענטש מקיים צו זיין די מצוה, ווייל ער ווייסט אז וואס ער טוט פאר זיין טאטע, טוט ער נישט פארן טאטען, ער טוט פאר זיך אויך. כאטש אונז האב מיר פריער געזאגט, אז מען טאר נישט אינזין האבן קיין זייטיגע כוונות, אבער ביי כיבוד אב זאגט די תורה למען יאריכון ימיך, דאס וועט דיר ברענגען אריכת ימים[א].

---

[א] נצטט מתוך דברי **רבינו שליט"א** בדרשת פרקי אבות פרשת קדושים תשנ"ה לפ"ק: בימינו אלה שכיח הרבה שהאבות מזדקנים, וצריכין לעזר מבניהם, ולאו כל אחד זוכה להיות בבריאות השלימות ובדיעה צלולה בזקנותו, והרבה יש להתפלל אל תשליכנו לעת זקנה ככלות כוחנו אל תעזבנו, ואז רמיא על הבנים מצות כיבוד כפשוטו, מאכילו ומשקהו, מלביש ומכסה מכניס ומוציא. **ובשלחן ערוך** (יו"ד סימן רמ-ד) ויתננו לו בסבר פנים יפות, שאפילו מאכילו בכל יום פטומות והראה לו פנים זועפות נענש עליו.

כשיש כמה בנים, הרבה פעמים כל אחד מטיל חיובו על השני, ועושין חשבונות שלא יטול אחד חלק בהטירחא יותר מחבירו. אדרבה יש לשמוח על הזכיה שיכולים לכבד האבות. הלא כאשר ימותו, אז יתחרטו על ההתנהגות שהתנהגו בימי חייהם. ויסופר על **הגאון רבי ברוך בער מקאמניץ זצ"ל** שאביו היה נכנס לשיעוריו, והוא כיבד אותו מאוד, שאל ממנו בכל יום רשות קודם שלמד, ואחר כך שאל אותו אם אמר טוב. וכשנסתלק אביו הצטער אולי לא כיבד אותו כראוי, עד שנחלה מזה, והוצרך **החפץ חיים זצ"ל** בקדושתו להרגיעו, ואחר כך דיבר תמיד איך החפץ חיים ממש החיה אותו. - ואיתא בתנא דבי אליהו רבא (פרק כז) כשם שכבדת וענגת את אביך ואת אמך לעת זקנתם, כך תהא מתענג על ה'. ובפייט (לשבועות) ראה פן תעזבם לעת זקונים, שרתם כעבד לאדונים. **ובשלחן ערוך** (שם רמ-י) מי שנטרפה דעת אביו או אמו, משתדל לנהוג עמהם כפי דעתם עד שירוחם עליהם. ואם אי אפשר לו לעמוד מפני שנשתנו ביותר, יש לעשות שאלת חכם איך לנהוג (נדפס **בשמן ראש** חלק ראשון השלם ויקרא דף שמו).

וראה עוד בדרשות פרקי אבות פרשת אחרי קדושים תשע"ז לפ"ק, וזה לשונו: הנה בימי הילדות, כאשר גם האבות הם בכוחותיהם בימי נעוריהם, נוגע בעיקר להבנים מצות מורא, שלא ישב במקומו, וכן לעשות כל מה שהם מצווים לבניהם, אין להעלות על הפה לומר תיבת 'לא' על שום דבר, שלא יסתור דבריהם. [ושמעתי מאחי **הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** שנסע פעם ביחד בקאר עם **כ"ק אדמו"ר מקלויזענבורג זצ"ל**, וראה איך בנו של אחי יושב על חיקו, ונענה כי יתכן שזה נגד מצות מורא אב]. ושוב כאשר באים ימי הזקנה, אז נוגע בעיקר מצות כיבוד, לסייע להם באכילה ושתיה ולבישה וטיול. וגם כאשר יש להם משרתים שמטפלים עמהם, מכל מקום זהו מצות הבן, ומצוה בו יותר מבשלוחו. וכדאי שכל אחד יעבור ויעיין בדיני כיבוד אב (**בשו"ע** יו"ד סימן רמ) לידע פרטי חיובי הבן, הנוגע יום יום.

ואמרו (קידושין לא:) דרבי טרפון הוה משתבח בי מדרשא, עד כמה הוא מקיים מצות כיבוד אם וכו'. ובתוספות (שם) כתבו, דאיתא בירושלמי, דפעם אחת אימא דרבי טרפון אבדה פזמקי דידה בחצירה, ויצאתה ממטתה לבקשו, ושם רבי טרפון ידו תחת רגליה על הקרקע שלא תטנף רגליה, והיתה דורסת על ידיו ע"כ. הרי לנו עד כמה מוטל על הבנים לכבד את אבותיהם, ולא רק בימי הילדות כשמתגורר עדיין בהבית, אלא גם כאשר האבות באים לימי זקנה, יש לדאוג עליהם להאכילם ולהשקותם ולעשות צרכיהם. ורבי טרפון ליכלך והשחיר את בגדו, להשתטח על הארץ, ולטנף עצמו, עבור כבודו של אמו. וזהו שרימז המשנה, 'הוי קל לראש', היינו להאבות שהם ראש המשפחה, יש להיות קל כנשר וזריז לעמוד לימינם ולכבדם, ונוח לתשחורת, גם אם צריך להשחיר עצמו עבורם, ולעשות פעולות שמתלכלך בזה, גם כן יהא נוח לו לעשות כן עבורם.

**איך** האב געזעהן דעם יום טוב שבועות פונעם **אמרי אמת** [זיין יארצייט איז געווען שבועות], האט ער געזאגט, אז יעדער יוד דארף נעמען אויף זיך א מצות עשה מיט א מצות לא תעשה, וואס דאס וועט ער מקיים זיין אין אלע אומשטענדען מיט מסירת נפש. ער זאל זיך אויסקלויבן איין מצוה, א מצות עשה מיט א מצות לא תעשה, וואס פון דעם וועט ער זיך נישט אוועקרוקן. און דער אמרי אמת האט געזאגט אויף זיך, איך האב אויך גענומען אויף מיר א עשה מיט א לא תעשה, וואס איך וועל מדקדק זיין אויף דעם דאס מערסטע. א עשה האב איך גענומען כבד את אביך ואת אמך, מכבד זיין די עלטערן. און די לא תעשה וואס ער האט גענומען אויף זיך איז געווען מדבר שקר תרחק, אז ער וועט נישט זאגען א ליגענט. האט מען אים געפרעגט, פארוואס פונקט די צוויי מצות האט ער אויסגעקליבן. האט ער געזאגט, ווייל דאס איז די שווערסטע!.. בדרך כלל קלויבט זיך א מענטש אויס דאס גרינגסטע וואס ער קען. ער וועט זיך אויסקלויבן די מצוה פון עונג שבת, עסן טשאלענט און קוגל, עס איז אויך א מצוה. און דער אמרי אמת האט זיך אויסגעקליבן די שווערסטע מצות.ביידע זענען גאר שווערע מצות, כיבוד אב איז א שווערע מצוה, און נישט צו זאגען ליגענט דארף מען אכט געבן אויף יעדע ווארט וואס מען זאגט, אז עס זאל נישט זיין קיין שקר. און זיי ברענגען צו, אז דער אמרי אמת איז דאך געווען א רבי פאר טויזענטער יודען, ער האט גערעדט צוטון מיט טויזענטער מענטשען, און ער האט קיינמאל נישט גערעדט א זאך פון שקר. אפילו ביי די קריג, וואס עס איז געווען פארבינדען מיט מסירת נפש, ער האט געדארפט באהאלטן ווער ער איז, און וואס ער איז, און ווי אזוי ער הייסט, וכדומה, האט ער קיינמאל נישט געזאגט קיין שקר, ווייל ער האט גענומען אויף זיך די מצוה.

---

ויסופר בספר **מעשה איש** (ח"ב דף קפא) באחד שהיה קשה לו להחזיק את הוריו, והציע לו רבי יעקב הלפרין ז"ל שהוא מוכן להחזיקם, אבל בתנאי שיקבל שכר המצוה. ועלה אל **החזון איש** זצ"ל לשאול כדת מה לעשות. והשיבו, מה השאלה שתפסידו שכר המצוה, בשביל הורים צריך להיות מוכנים אפילו לקפוץ לגיהנם. וחייך ואמר לו, להקב"ה יש מספיק בשבילך ובשביל רבי יעקב ע"כ. והנה על יורדי גיהנם אמרו חז"ל (ראש השנה יז.) דפניהם דומין לשולי הקדירה ע"ש. והיינו שהושחרו מאש הגיהנם כמו שולי קדירה. ועל כן אמר 'ונוח לתשחורת', שיהא נוח לו עבורם להיות קל לקפוץ לגיהנם ולהשחיר עצמו כשולי הקדירה, בשביל לכבדם ע"כ.

**מען** האט געלערנט אין מסכת מועד קטן (ט:), אז רב האט געשיקט זיין זון צו רבי שמעון בן חלפתא, אז ער זאל נעמען פון אים א ברכה. האט ער אים געזאגט, יהא רעוא דלא תבייש, זיי נישט מבייש יענעם, ולא תתבייש, ווען מען דיר נישט מבייש זיין. ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער אים געפרעגט וואס פאר א ברכה האסטו באקומען? האט ער געזאגט, ער האט מיר נאר געזאגט אפאר ווערטער, א קליינע ברכה. האט ער געזאגט, עס איז נישט אזא קליינע ברכה, דער אייבערשטער האט אויך געגעבן אזא ברכה, ולא יבושו עמי לעולם (יואל ב-כו).

**עס** שטייט אין **בן יהוידע** (בבא מציעא לג:), פונעם **בן איש חי**, דערציילט ער א מעשה, אז עס איז געווען אמאל א יוד וואס איז געווען א עושר, און ער האט נישט מכבד געווען זיין פאטער. זיין פאטער איז געווען א ארימאן, ער האט זיך געדרייט צווישן די עניים, ער האט נישט געהאט וואס צו עסן, און וואו צו שלאפן, און דער זון האט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. איינמאל איז זיין פאטער געזעסן דארט צווישן די ארימעלייט אין הקדש שטוב, און זיין אייניקל איז דארט אדורכגעגאנגען, זאגט דער זיידע פארן אייניקל, זאג פאר דיין טאטען אז עס איז מיר זייער קאלט דא. איז צוגעגאנגען דער אייניקל צו זיין פאטער, און ער האט אים געזאגט, אז דער זיידע האט געזאגט אז עס איז אים קאלט. זאגט ער אים, נו גיי ארויף אויפן בוידעם, דארט איז דא א דאכענע, און טראג עס אים אריבער, ער זאל זיך קענען אנווארימען. דער יונגעל קומט אראפ, און ער ברענגט אראפ א דעק פון אויבן, און ער נעמט א שערל, און ער צושניידט עס אין צוויי. פרעגט אים דער פאטער, וואס איז געשעהן, פארוואס צושניידסטו עס אין צוויי. זאגט דאס אייניקל, א האלבע וועל איך געבן פארן זיידען, און דאס אנדערע האלב לייג איך אוועק פאר דיר, אז אויף די עלטער ווען עס וועט דיר זיין קאלט, זאל איך דיר קענען געבן א דעק. - די מוסר השכל דערפון, מדה כנגד מדה, ווי אזוי דער אייבערשטער פירט זיך מיט א מענטש. אז דו ביסט מכבד דיינע עלטערן, וועלן דיינע קינדער דיך מכבד זיין, אז דו ביסט נישט מכבד דיינע עלטערן, דו געבסט אים א דאכענע אין הקדש שטוב, וועלן דיינע קינדער אויך אזוי טון, זיי וועלן פאר דיר געבן א דאכענע. זאגט ער, לא תבייש ולא תתבייש, אויב דו וועסט אכט געבן נישט מבייש צו זיין יענעם, ולא תתבייש, וועסטו אויך נישט צוקומען צו א בושה.

**מען** האט געלערנט יעצט די חשיבות פון כיבוד אב, אז עס גייט אויך אן מכבדו במותו, האב איך געפילט אז עס איז כדאי אויסצושמועסן די מצוה פון מכבדו בחייו. עס קומט יעצט צוויי חדשים וואס מען וועט זיין אין קעמפ, און מען וועט נישט קענען מכבד זיין, מען קען נאך אריינכאפן די פאר טעג וואס מען איז דא. א גאנצע וואך איז מען אין ישיבה, אבער די פאר טעג וואס מען איז אינדערהיים, וואס מען קען מכבד זיין די עלטערן, דארף מען וויסן די געוואלדיגע חשיבות דערפון. דער שכר דערויף איז זייער גרויס, דער אייבערשטער האט געזאגט דערויף, למען יאריכון ימיך. דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל קענען מקיים זיין די מצוה און אלע אנדערע מצות, און זיך צורישן צום זומער אי"ה. עס איז זייער שיין דער זומער, בחורים נוצן עס אויס בדרך כלל זייער שיין. סיי אין די הנהגה, מען איז צוויי חדשים צוזאמען, און סיי אויף איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. מען האט געלערנט מסכת נדרים און מסכת מועד קטן און אזוי ווייטער, מען האט פריער געהערט די סדר וואס וועט זיין דערין. דער באשעפער זאל העלפן מען זאל קענען מסיים זיין די מסכתות, און אנהייבן מסכת חגיגה. חגיגה דאס איז יום טוב און פרייליכקייט, עס זאל נמשך ווערן שמחות אין אלע יודישע שטובער. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **חנוך שלום** (ב"ר יואל) **טעללער** ני"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יהושע הערש** (ב"ר אברהם חיים) **פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יואל רובין** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***יום רביעי פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יוסף דוד טובל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מנחם זאלצער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר כך הגיע **הרה"ג רבי ישכר דוב טויב שליט"א** אב"ד קאלוב וומסב"ג (בן כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בנו בשעטומ"צ.

*

***יום חמישי פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת בהעלותך***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אפרים שמעון לאווי** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אין** די פרשה די וואך האט משה רבינו געזאגט פאר יתרו אז מען גייט אריין קיין ארץ ישראל, און ער זאל מיטקומען צוזאמען, און מען וועט אים אויך געבן א חלק אין ארץ ישראל. נוסעים אנחנו אל המקום אשר אמר ה' אותו אתן לכם (במדבר י-כט), אונז גיי מיר אריין צו דעם לאנד וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, דאס וועל איך געבן פאר ענק. דער **אור החיים הק'** שטעלט זיך, וואס איז דער 'אותו'. עס וואלט געדארפט שטיין אל המקום אשר אמר ה' אתן לכם, וואס איז 'אותו' אתן לכם, דאס וועל איך ענק געבן.

**עס** קען אפשר זיין, מען ברענגט צו פונעם **זוהר הק'** (ח"א עג.), קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד הוא, יודען מיטן אייבערשטען און די תורה דאס איז איינס. די דריי זאכען זענען פארבינדען איינס מיטן אנדערן, א יוד איז צוגעבינדען צום אייבערשטען, און דער אייבערשטער איז צוגעבינדען צו יודען, דורך די תורה. די תורה דאס איז די זאך וואס איז מחברביידע צוזאמען. דער זיידע דער **שאמלויא'ער רב** ברענגט צו מערערע מאל אין זיינע ספרים, א ווארט וואס ער האט געהערט אין ירושלים אין נאמען פון **רבי דוד'ל לעלוב'ער**, אויף בווין תתקטר. האט ער געזאגט, דער אות ו', ווען מען שרייבט ארויס די מילוי דערפון, ווערט עס געשריבן אויף דריי וועגן. מען קען שרייבען ו"ו, וא"ו, און וי"ו. זאגט ער, אין די דריי ווי"ן, זענען מרומז תורה קודשא בריך הוא וישראל. ו"ו איז צוועלף, דאס זענען די י"ב שבטי י-ה. וא"ו איז דרייצן, אח"ד, דאס איז דער אייבערשטער. וי"ו דאס איז צווי און צוואנציג, דאס איז די כ"ב אותיות התורה. זאגט ער, 'בווין', די דריי ווי"ן, 'תתקטר', דאס איז דער קשר וואס איז דא, יודען מיטן אייבערשטען און די תורה.

**ווען** יודען זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, איז נתחזק געווארן אין ארץ ישראל די קשר פונעם אייבערשטען צוזאמען מיט יודען. וה' שוכן בציון (יואל ד-כא), ארץ ישראל איז דער פלאץ וואו דער אייבערשטער וואוינט. עס שטייט פון די פריערדיגע, אז יעדע מקום אין ארץ ישראל, איז צוגעבינדען צו א חלק אין די תורה. וילן יהושע בלילה ההוא וגו' בתוך העמק (יהושע ח-ט) ווען מען איז אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, האט מען געלערנט די חלק אין די תורה וואס איז נוגע צו דעם פלאץ, און אזוי האט מען געקענט כובש זיין דעם מקום (עירובין סג:). עס איז דא א אריכות דערויף פונעם **מעזריטשער מגיד** (הובא בספר **אמרי פנחס** נביאים אות קפב). על כל פנים, ארץ ישראל איז יעדע פלאץ א חלק פון די תורה. עס האט אבער אויסגעפעלט ישראל, יודען זענען נאכנישט געווען דארט, ווען יודען זענען אריינגעקומען איז געווארן אין ארץ ישראל די קשר פון קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל. און דאס איז די דריי ווי"ן, קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל. - 'אותו' איז אות ו'. דער אייבערשטער האט געזאגט, אותו אתן לכם, ווען עטץ וועטס ארייינקומען קיין ארץ ישראל, וועט זיין דער אות ו',

דעמאלטס וועט נשלם ווערן די קשר פון קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל.

**יעדע** ברית מילה ווערט אויך אנגערופן 'אות'. עס איז אויך אות ו', די זעקסטע מדה דאס איז דער אות ו'. ווייל ביי יעדן ברית קומט זיך אויך צוזאם קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל. דאס קינד וואס מען מל'ט איז דאך ישראל, ווען מען מל'ט א קינד קומט ארויף די שמות פונעם אייבערשטען, דער שם שד"י מלבר, און דער שם הוי"ה מלגאו (תיקוני זוהר כב סו.), עס קומט ארויף דעם שם פונעם אייבערשטען אויפן קינד. קומט אויס אז עס איז דא קודשא בריך הוא. דורך ברית מילה איז מען זוכה צו תורה, אן דעם קען מען נישט פארשטיין תורה. קומט אויס אז בשעת מען מל'ט א קינד, ווערט אויך דער חיבור פון קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל. דאס איז אויך אות ו'. וועגן דעם איז דער זעקסטער מדה מילה, דאס איז ו'. וועגן דעם ווערט מילה אנגערופן 'אות ברית', אויסערן ברית איז עס אות ו'. דארט איז דא דער אות ו' וואס עס קומט זיך צוזאם אורייתא וקודשא בריך הוא און ישראל.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן פארן אבי הבן אז ער האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. אויסער די מצוה פון מילה האט מען ארויפגעלייגט אויפן קינד א שם קודש, דער שם שד"י און דער שם הוי"ה, צוויי הייליגע שמות וואס ליגט אויף א קינד. די וועלט זאגט, כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, די צוויי שמות שד"י און שם הוי"ה, איז בגימטריא דריי הונדער און פערציג, כש"ם שנכנס לברית, מען האט ארויפגעלייגט די צוויי שמות אויף קינד, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל ער קענען ווייטער אויך אזוי נתגדל ווערן לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

*

***שבת קודש פרשת בהעלותך***

***וביום השבת שישו ושמחו***

קהל גדול מאנ"ש זקנים ונערים תלמידים וחסידים באו לשבות בצל הקודש ולשוש ולשמוח בשמחתו של אבינו רועינו **רבינו שליט"א**, לרגל שמחת האויפרוף של נכדו החתן **הרב חיים מאיר שליט"א בן הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, ר"מ בישיבתנו הק'. - התפלות וסעודות שבת התקיימו ברוב פאר והדר בהיכל בית מדרשינו הגדול.

לקראת שבת יצא לאור קונטרסים מיוחדים מתורתו הבהירה של **רבינו שליט"א**, '**ליקוטי דברי תורה**' על פרשת השבוע, שנלקטו מגליונינו '**הליכות ושיחות קודש**' (שנות תשע"ג - תש"פ), וכמו כן קונטרס משיעורי **אור החיים הק'** על פרשת בהעלותך שנאמרו על ידי **רבינו שליט"א** במשך השנים, ערוך ומסודר דבר דבור על אופניו, מנועם זיו מעדני מלך.

**רבינו שליט"א** הלביש את החתן שליט"א בהשטריימעל בביתו נאוה קודש (בווילסאן סט.) ומשם עברו לבית המדרש.

לתפלת מנחה עבר המחותן **הרה"ג רבי יהושע העשיל היילפרין שליט"א** לפני התיבה, ובתפלת קבלת שבת נתכבד הר"ר **שלמה האפפמאנן** הי"ו.

לאחר שעברו כל הקהל להתברך בברכת שבתא טבא, ערכו הבית המדרש בפאר והדר לסעודת שבת קודש, בה השתתפו בני המשפחה, אורחים מאנ"ש, ותלמידי ישיבתנו הק', כשבראש המסובין מפאר **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**.

במשך הסעודה נשמעו דברות קודש מכ"ק **רבינו שליט"א**. וכמו כן נשמעו דברי תורה מאת המחותן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, והמחותן **הרה"ג רבי יהושע העשיל היילפרין שליט"א**.

בזמירות שבת קודש נתכבדו **הרב שבתי מייזליש שליט"א** (נכד הרה"ג רבי מנחם ארנסטר שליט"א, ר"י וויזניץ) בזמר מנוחה ושמחה, **והרב שמחה האגער שליט"א** (נכד המחותן כ"ק האדמו"ר מויזניץ שליט"א) בזמר צור משלו, **והרב ישראל האגער שליט"א** (נכד המחותן האדמו"ר מוויזניץ שליט"א, והאדמו"ר מסערט ויזניץ שליט"א) בזמר רחם בחסדך, **והרה"ג רבי חיים צבי טייטלבוים שליט"א אב"ד סיגוט** (בן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א) בזמר י-ה אכסוף, ובין הפרקים הנעימו בזמירות שב"ק מקהלת אברכי אנ"ש שיחי'.

בהמשך הסעודה נערך הבאטע בשירות ותשבחות לא-ל חי, מתובל בדברות קודש מוסר והדרכה על ידי **רבינו שליט"א**. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א** (בן המחותן כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א).

בצפרא דשבתא נקבצו קהל גדול אצל בית נאוה קודש של **רבינו שליט"א** (בפענן סט.) ללוות החתן לבית המדרש בשירה ובזמרה.

לפסוקי דזמרה עבר **הרה"ג רבי אשר מאיר סעקולא שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק', ולתפלת שחרית עבר הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסב"ג). בקריאת התורה נתחלקו העליות להמחותנים וקרובי המשפחה שליט"א. כהן - **רבינו שליט"א**, לוי – החתן **יצחק** (ב"ר משה יוסף) **האפפמאנן** נ"ו, שלישי - המחותן **הרה"ג רבי יהושע העשיל היילפרין שליט"א**, רביעי – **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג, שישי - **הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א**, אחרון – החתן שליט"א. - אחר עליית החתן לתורה פצחו כל הקהל בשירת 'קול רנה', לרגל השמחה הרוממה. - מפטיר – **הרה"ג רבי אלימלך שפיטצער שליט"א** (מנהל רוחני דישיבה גדולה). הגבהה – הר"ר **חיים אריה רובין** הי"ו, גלילה – הר"ר **שמואל ראאב** הי"ו. בתפלת מוסף נתכבד **הרה"ג רבי יצחק יעקב אלבוים שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק').

אחר התפלה התקיים הקידושא רבא לרגל השמחה, כשמאות המוני ידידים וחסידים, ובתוכם רבנים חשובים וקרובי המשפחה שליט"א, עברו לפני **רבינו שליט"א** והמחותנים והבעלי שמחה שליט"א לברך ולהתברך בברכת מזלא טבא.

סעודת צפרא דשבתא ערך **רבינו שליט"א** בהיכל בית מדרשנו הגדול לפני כל קהל ועדה, ונשמעו מדברות קדשו במשך הסעודה. וכמו כן נשמע דרשה מאת **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**. בברכת המזון נתכבד הר"ר **יצחק אלעזר ווערצבערגער** הי"ו (יו"ר וועד החתונה דקהלתנו הק').

לאחר תפלת מנחה השמיע **רבינו שליט"א** דרשת פרקי אבות. אחר כך התקיים סעודת רעוא דרעוין ברוב עם הדרת מלך. **רבינו שליט"א** השמיע בסיום הדברות קודש דיבורים מיוחדים בשבח והודיה להשי"ת בעידן חדותא, כשזוכים לראות בנים ובני בנים ההולכים בדרכי אבות.

***ונצטט מתוכן הדברים:***

**עס** איז ביי אונז א גרויסע שמחה, מיין חשוב'ער איניקל חיים מאיר זאל זיין געזונט האט חתונה די וואך. מען האט פריער גערעדט, די תפלות און די ברכות וואס עלטערן בענטשען קינדער, און מען וואונטשט פאר קינדער, האט א גרויסען כח, ווי אזוי די קינדער וואקסען אויף. רבי יהושע בן חנניא אשרי יולדתו (אבות ב-ח), די מוטער האט אים ארומגעטראגען, געגאנגען בעטן א ברכה פאר אים, נישט ווען ער איז שוין געווען ערוואקסען, נאר ווען ער איז נאך געווען במעי אמו איז זי ארומגעגאנגען, און זי האט געזאגט, אז זי ווארט א קינד, און זי בעהט א ברכה, אז דאס קינד וואס זי וועט האבן, זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם. דער חתן איז נתחנך געווארן ב"ה אין אזא פיינע שטוב פון מיין זון רבי משה מרדכי מיט זיין בני בית, וויפיל תפלות און וויפיל ברכות איז אדורכגעגאנגען ביז מען איז אויסגעוואקסען צו דעם וואס מען איז צוגעקומען. וויפיל תפלות האב איך מתפלל געווען פאר דיר, נישט הונדערטער און נישט טויזנטער תפלות, אז דו זאלסט צוקומען צו דאס וואס דו ביסט צוגעקומען. און אז דער אייבערשטער העלפט, אז מען זיצט ביי אזא צייט וואס מען קען זעהן נחת, ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל, איז באמת א געוואלדיגע שמחה.

**ביי** דעם געלעגנהייט וויל איך רופן און לאדענען יעדן איינעם זיך משתתף צו זיין אין די שמחה. **עס איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה יעדער איינער וואס איז זיך משתתף אין די שמחה. יעדע ברכה וואס א יוד וואונטשט מיר אן, האט ביי מיר א געוואלדיגע חשיבות. יעדע תפלה וואס מען איז מתפלל, יעדע ברכה וואס מען זאגט, העלפט צו. מען לעבט דאך אין א שווערע דור, און מען דארף האבן אזויפיל כוחות עליונים, אז מען זאל זיך קענען האלטען, און מען זאל קענען אויפטון, וואס מען דארף צו טון. איז יעדע ברכה וואס א יוד זאגט, האט א געוואלדיגע חשיבות.** מען האט פריער גערעדט, אז א דיבור פון משה רבינו האט פוגם געווען, איז אוודאי א מדה טובה וואס איז מרובה, אלע ברכות וואס מען וואונטשט זאל דער אייבערשטער געבן אז עס זאל מקויים ווערן. עטץ וועטס ענק פרייען אין מיין שמחה, און איך זאל מיך קענען פרייען ביי ענקערע שמחות, מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, פון די שמחה זאל נשפע ווערן אסאך שמחות פארן גאנצן כלל ישראל, יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס ער דארף צו האבן. און מיר זאלן אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.